וועטער:
קלאר און קאלט

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST.

THE ISRAELITE PRESS

זון איפגאנג — 5.25
זון אונטערגאנג — 7.30

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 20, No. 19. Winnipeg, Mon. April 21, 1930. Published daily except Saturday and Sunday.
דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
מאנטאג כ"ג ניסן, תר"ץ.

יום-טוב איז דורכגעגאנגען און אינצידענטן אין ירושלים

שטאט בארואיקט זיך, נאכדעם ווי מאכמעדאנישע פילגרימען צעפארן זיך. — צען טויזנט אידן האבן באזוכט כותל מערבי איבער פסח

(ספעציעלע טעלעגראמעס צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, אפר. 21 (איטא). — די טעג פון אומרו אין גאנץ ארץ־ישראל, צוליב דער פייערונג פונ׳ם מאכמעדאנישן יום־טוב פון "נעבי מוסא" (משה הנביא) איז נעכטן פארביי מיט׳ן צוריקקער פון אלע פילגרימען פון ירושלים צו זייערע היימען.

פרייטאג מיטאג־צייט האט געהערשט אן אנגעשטריינגטע שטימונג צוליב די קלאנגען, אז די אנטיילנעמער אין די תפילות ארום אמאר־מאשיי פארהאנדלען וועגן דער ראטזאמקייט צו ארגאניזירן א פראטעסט דעמאנסטראציע קעגן די טויט־אורטיילן, איידער די פילגרימען צעפארן זיך אהיים.

עס ווערט פארשטאנען, אז די פילגרימען פון שכם זיינען געווען באזונדערס אקטיוו. די פאליציי האט אבער ניט דערלויבט קיין גרויסע מאסן צוזאמען צו קלייבען זיך אין די גאסן, און דער עולם איז זיך אזוי ביסלאכווייז צעפארן פון שטאט.

עס ווערט ווייטער באריכטעט, אז אן אולטימאטום איז געשיקט געווארן צום היי־קאמישאנער איבער דעם ענין.

א גרויסע צאל אידן פון די קאלאניעס איז געקומען קיין ירושלים צו פייערן פסח, און, ניט געקוקט אויף דער ניט גאר רואיקער לאגע, האט אבער געהערשט א יום־טוב׳דיקע שטימונג צווישן די אידן. עס ווערט אפגעשאצט, אז איבער צען טויזנט אידן האבן באזוכט דעם כותל מערבי איבער פסח.

בהמות מגפה אין ארץ ישראל

ירושלים, אפריל 21 (איטא). — די "פוס און מויל" מגפה, וועלכע בושעוועט צווישן די בהמות אין סיריע, עגיפטן און עבר הירדן, איז אריינגעדרונגען אויך אין ארץ ישראל. די דיסטריקטן פון צפת, יריחו און נוצרת באריכטן פון דער קראנקהייט. די רעגירונג נעמט אן שטרייגנע מיטלען קעגן אימפארט פון בהמות פון די דערבייאיקע טעריטאריעס און זעט אז די אנגעשטעקטע בהמות זאלן אויסגעשלאכטעט ווערן.

—(::)—

שריפה טוט אן פיל שאדן אין קעליהער, סאסק.

קעליהער, סאסק., אפר.21. — א שריפה וואס איז דא אויסגעבראכן שבת פרי אין דער הויפט־גאס פון שטעטל האט פארניכטעט פיר געביידעס און פאראורזאכט שאדן, ווערט באהויפטעט, איז געדעקט מיט פארזיכערונג.

די שריפה איז אויסגעבראכן הינטער דער "בליו סטאר", א דזשענעראל סטאר, וואס באלאנגט צו בארסקי ברידער. די סטאר און דריי דערבייאיקע געביידעס זיינען פארניכטעט געווארן.

—(::)—

גלה פרובירט קריגן דעם עולם וואס וויל ניט גיין אין קירך דורך א מאווי

בערלין, אפר. 20. — דער עולם פוילט זיך אונטער צו ראוונען אפילו אין בערלין. א קאטוילישער גלח האט אין בערלין ערשט פארענדיקט בויען א שיינעם מאווי טעאטער אין וועלכן עס וועלן געוויזן ווערן אויסשליסלאך רעליגיעזע בילדער פאר דערציאונג און פראפאגאנדע צוועקן, מיט דער האפענונג, אז דאס יונגווארג וועט אפטער באזוכן די רעליגיעזע מאווי הויז איידער די קירך.

אידיש שיפל ראטעוועט צוויי אראבישע שיפן פון אונטערגאנג

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

יפו, אפריל 21 (איטא). — בעת א שטארקן שטורעם וואס האט דא געבושעוועט שבת, זיינען צוויי שיפן, איינע גע[illegible] [illegible] מיט אנדערע [illegible] געווארן אין ים. [illegible] די שיפן זיי[illegible] [illegible] געווען אין [illegible] א מאטאר שיפל, [illegible] ראזענגארטן, [illegible] און איר [illegible] ביידע שיפן [illegible] ברעג.

הינער סטאר בארויבט אויף 150 דאלאר שבת ביינאכט

די גראסערי סטאר פון דזש. פ. פארטער, 1618 [illegible], איז שבת, ארום 11 ביינאכט, בארויבט געווארן פון [illegible] 150 דאלאר.

[illegible] איז דאן געווען אליין אין [illegible] [illegible] א מאן, [illegible] ווי א קונה. [illegible] קאנטיק [illegible] איז דא [illegible] מר. פארטער׳ן [illegible] ניט [illegible] די קאסע, און, אנזאגנדיק דעם באלעבאס צו שטיין רואיק אויף זיין ארט, איז ער ארויס און איז באלד פארשוואונדן געווארן.

מר. פארטער האט באלד טעלעפאנירט דער פאליציי, וועלכע זוכט ארום דעם באנדיט, אבער דערווייל אן רעזולטאטן.

—(::)—

בריוו קאסטן

א ניוהאוז, עדמאנטאן. — דער "דבר" איז א טעגלאכע העברייאישע צייטונג, אין תל־אביב. זי גיט ארויס א וועכנטלאכע ענגלישע ביילאגע. די לעצטע קאסט $3 א יאר. דער אדרעס איז: פאסט־אפיס באקס נ. 199, תל־אביב, פאלעסטינע.

רייזיגע לויה פאר פאעט-זעלבסטמערדער מאיאקאווסקי אין מאסקווע

מאסקווע, אפריל 20. — ארום הונדערט [illegible] באגלייט צו זיין אייביקער רו דעם רוסישן רעוואלו[illegible] וולאדימיר מאיאקאווסקי, [illegible] זעלבסטמארד [illegible] [illegible] "איך שטארב, ווייל [illegible] פון נייעם לעבן. [illegible] רעגירונג [illegible] פאמיליע." ער [illegible] זיין מוטער, [illegible] פרויען צו [illegible] [illegible] פון פארשיידענע [illegible] לויה. צוויי[illegible] [illegible] מענשן זיינען אנ[illegible] [illegible], ארטיסטען און פארשיידענע אנדערע קינסטלער. דער ארון איז געווען איינגעוויקלט אין שווארץ און רויט און צוויי ארקעסטערס מוזיק, איינער פון דער גע. פע. או. זיינען געגאנגען אין פאראויס און זיי האבן געשפילט די גאנצע צייט פון דער פראצעסיע.

מאיאקאווסקי איז ניט נאר געווען א פאעט, נאר ער איז אויך געווען א דראמאטורג. איינעקע קריטיקער האבן מאיאקאווסקי׳ן פארגליכן אין טאלאנט צו פושקינען. די סאוועטן רעגירונג וועט אויפשטעלן אין מאסקווע א מאנומענט אין זיין אנדיינק.

—(::)—

גוטער בוי סעזאן דערווארטעט אין וויניפעג

ווי עס זעט אויס וועלן היינטיקן זומער געבויט ווערן אין וויניפעג א סך געביידעס איינשליסנדיק איינעקע גרויסע געביידעס. ביז היינטיקן טאג זיינען שוין ארויסגעגעבן געווארן דערלויבענישן (פערמיטס) אויף געביידעס, אויף צוויי מיליאן און 45 טויזנט דאלאר.

די דזשענעראל עלעקטריק וועט בויען א 5 שטאקיקע געביידע אויף נאטר־דיים עווע., צווישן ארטור און קינג סט. די דאזיקע געביידע וועט זיך איבערהויפט אויסצייכענען מיט איר באלייכטונג וואס וועט איבערשטייגן יעדער אנדער געביידע אין וויניפעג אין דעם הינזיכט.

—(::)—

רומענישער פאטריארך פארדאמט אומרוען אין רומענישע אוניווערסיטעטן

בוקארעסט, אפריל 21 (איטא). — פאטריארך מיראן, איינער פון די דריי רעגענטען פון רומעניע, האט היינט דערקלערט צו א סטודענטן־דעלעגאציע, אז ער פארדאמט אלע אומרוען אין די רומענישע העכערע לערן־אנשטאלטן און אוניווערסיטעטן.

די רומענישע צייטונג "צארא" באריכטעט, אז דאס אינערן מיניסטעריום האט אנגענומען שריט צו פארמיידן א מעגלאכן צוזאמענשטויס צווישן די נאציאנאליסטן זונטאג, ווען דער קריסטלאכער פסח וועט געפייערט ווערן.

א מעלדונג צו דער צייטונג 'אדעווערול' זאגט, אז א גרופע אומבאקאנטע כוליגאנעס אין גאלאץ, האבן דארט בארויבט א אידישע קראם און אז דער פראקוראר מאכט וועגן דעם איצט אן אויספארשונג.

80 טויזנט דאלאר שוין געשאפן פאר געווערקשאפטן קאמפיין

[illegible] די סומע פון 80 טויזנט דאלאר איז שוין געשאפן געווארן [illegible] געווערקשאפטן [illegible] אידישע [illegible] ארץ־ישראל — [illegible] ווי אין דעם [illegible] יאר. דאס איז [illegible] באריכט פון [illegible] לעצטער [illegible] עקזעקוטי[illegible] [illegible] באריכטעט, אז [illegible] שטעט [illegible] שוין אנגע[illegible] [illegible] גוטע רע[illegible] [illegible] גרייט [illegible] צום [illegible] פאלקס־זאמ[illegible] [illegible] דעם 3טן [illegible] אנגעוויזן [illegible] פראפאגאנדא, [illegible] אין אלע [illegible] האט גע[illegible] [illegible]

"אקטיאבר" פארעפנטלאכט נעמען פון רבנים וואס זיינען געווען שפיאנען

מאסקווע, אפריל 21 (איטא). — א ליסט פון רבנים וואס זאלן האבן געדינט אין דער צאריסטישער געהיימער פאליציי, ווערט פארעפנטלאכט אין מינסקער אקטיאבר. דער ליסט זאל זיך באזירן אויף ארכיוון אנטדעקט פון דער ווייס־רוסישער וויסנשאפטלאכער אקאדעמיע.

דער ליסט שליסט איין רבי קאצנעלסאן, פון אריאל און רבי יאמפאלסקי פון סקווירע. עס זאל אויך האבן פעסט געשטעלט געווארן, אז דער לאדזער רב אליה־חיים מייזל האט סיסטעמאטיש געהאלפען דער צאריסטישער פאליציי אין ארעסטירן אידישע סאציאליסטן.

—(::)—

דריי פאליציסטן געטויט אין קאמוניסטישע ראיאטן

לייפציג, דייטשלאנד, אפר. 21. — דריי פאליציסטן זיינען געטויט געווארן און 7 מענשן זיינען פארוואונדעט געווארן אין די ראיאטן וואס זיינען נעכטן אויסגעבראכן אין פארבינדונג מיט׳ן קאנגרעס פון קאמוניסטישן יוגנט. ארום 13 טויזנט מענשן האבן זיך צוזאמענגעקליבן אויף דעם שטאט־סקווער, און ווען די פאליציי האט זיי געפרואווט צעטרייבן, זיינען די ראיאטן אויסגעבראכן. און עס האט געגאמען צוויי שעה, ביז דער עולם איז צעטריבן געווארן.

—(::)—

לאנדאן באאומרואיקט איבער אינדישער לאגע

לאנדאן, אפריל 21. — די הינע פרעסע איז שטארק באאומרואיקט איבער דער געפערלאכער ווענדונג וואס די לאגע אין אינדיע האט אנגעהויבן נעמען. באריכטן פון פיינטלאכע אקטן קעגן די בריטישע טרופן איבער די אומרוען פון צען יאר צוריק. גוואלדטאט ווערן אלץ אפטער און ערנסטער.

די "טיימס" רעדט וועגן "אנארכיסטישע געזעלשאפטן אין אינדיע, וואס ווערן סובסידירט פון אויסלאנד."

—(::)—

באדאנקט ד. א. וו. פאר הילף צום מעות-חטים קאמפיין

רבי סאלאמאן פרענק האט צוגעשיקט צו "דאס אידישע ווארט" זיין אויסדרוק פון אנערקענונג און דאנק צו "דאס אידישע ווארט" אין נאמען פון "יונייטעד היברו רעליף" און אין זיין אייגענעם נאמען, פאר דער הילף וואס די צייטונג האט געגעבן דעם מעות־חטים קאמפיין.

רבי פרענק בעט אונז אויך צו פארצייכענען, אז אויסער די שוין אויסגערעכנטע אין ד. א. וו. ביישטייערע, האבן אויך די פאלגנדיקע בייגעטראגן פאר׳ן מעות־חטים פאנד:

בית ציון לוידים אקז. דאפין, מאנ.; אידישע קהלה פון באסעוודשור, מאנ.; הדסה פון סוויפט־קוירענט, סאסק., און היברו לוידים אייד פון מוס־דזשא, סאסק.

פראגע פון א אידישן אינסטרוקטאר אין מאסקווע שפאלט די אידישע קאמוניסטן

"עמעס" גרופע זוכט כאטש א שאטן פון איינפלוס אין מאסקווע. — קעגנער זאגן, אז אין מאסקווע איז ניטא קיין אידיש לעבן

(ספעציעלע טעלעגראמעס צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

מאסקווע, אפריל 21 (איטא). — אן ערנסטע שפאלטונג ווערט היינט באריכטעט אין די רייען פון די איד. קאמוניסטן אין מאסקווע, איבער דער פראגע, אויב ס׳איז נויטיק צו באשטימען א ספעציעלן אידישן אינסטרוקטאר אין מאסקווע, וואס זאל פארנעמען דעם פלאץ פון דער אויפגעלייזטער יעווסעקציע, אנפירנדיק די קאמוניסטישע ארבעט צווישן די אידן, ווי אין אנדערע אידישע צענטערן.

די אפאזיציע באהויפטעט, אז מאסקווע איז ניט קיין אידישע שטאט, וואו די ארבעט פון דער יעווסעקציע זאל איצט דארפן געטאן ווערן פון א ספעציעלן אינסטרוקטאר, ווי די קאמוניסטישע פארטיי האט באשלאסן פאר די אידישע צענטערן. זיי ווייזן אן, אז אין מאסקווע האבן זיך די אידישע ארבעטער אממייסטן רוסיפיצירט, אז גאנץ מאסקווע האט בלויז איין קליינע אידישע שול און איין אומבאדייטנדיקן אידישן קלוב. זיי טענה׳ן דערפאר, אז צו טאן ספעציעלע אידישע קאמוניסטישע ארבעט אין מאסקווע איז נויטיק "ווי א פינפטער ראד צום וואגן," און זיי פארלאנגען, אז דער מאסקווער קוייזסאוועט זאל ניט האבן קיין ספעציעלן אידישן אינסטרוקטאר.

די דאזיקע פאדערונג וואלט אבער געווען א שרעקלאכער קלאפ צו דער גרופע קאנצענטרירט ארום "עמעס," און דער "עמעס" באשטייט דערפאר אויף דער באשטימונג פון א אידישן אינסטרוקטאר. דער "עמעס" ארגומענטירט, אז אין מאסקווע איז דא א נאציאנאלע מינדערהייט באפעלקערונג פון 600 טויזנט און זי איז בארעכטיקט צו ספעציעלער באדינונג.

דער "עמעס" שטריינגט זיך אבער אן ניט אויפצורייצן צופיל די אפאזיציע, און אפעלירט אין זייער א מילדן טאן ניט צו פארשפרייטן קיין פעסימיזם וועגן דער נויטיקייט פון א אידישן אינסטרוקטאר אין מאסקווע, און בעט די אפאזיציע ניט צו באטראכטן עס ווי "א פינפטן ראד צום וואגן."

איבער 150 מענשן אומגעקומען אין קירך שריפה אין רומעניע

ווין, אפריל 19. — איבער 150 נפשות זיינען אומגעקומען אין א שריפה אין קאסטעשטי, א דארף 55 מייל פון בוקארעסט, אין רומעניע, בעת די קירך, אנגעפאקט מיט מתפללים לכבוד דעם פרייטאג פאר פאסכע, האט זיך אנגעכאפט. קאסטעשטי איז א דארף מיט א באפעלקערונג פון טויזנט נפשות, און א זעקסטל פון דער גאנצער באפעלקערונג איז אזוי אומגעקומען.

דער פייער האט אויסגעבראכן פון די ליכט, פון וועלכע עס האבן זיך אנגעכאפט די פארהאנגען אין קירך. דער עולם האט זיך גלייך א ווארף געטאן אין פאניק צו די טירן וואס האבן זיך געעפנט פון דרויסן אין אינווייניק. דער דרוק איז געווען אזוי שווער, אז ס׳איז געווען אוממעגלאך צו עפענען די טירן, און די פאדערשטע רייען ביי די טירן זיינען צעקוועטשט געווארען אויף טויט. די הילצערנע קירך געביידע האט זיך דערווייל אנגעצונדן ווי פאפיר, און א גרויסער טייל פון די אנוועזענדיקע, אממייסטן פרויען און קינדער, זיינען אומגעקומען.

צווישן די אומגעקומענע זיינען דא דער בירגערמאסטער פון דארף און צוויי גלחים.

—(:־:)—

מזל טוב

א טאכטער געבארן צו מר. און מרס מארים קלוגסבערג. מוטער און קינד אין בעסטן צושטאנד אין סט. באניפיים האספיטאל.

קאנפערענץ פון אינדעפענדענט לייבאר פארטיי באשליסט צו באקעמפן פאליטיק פון מאקדאנאלדס רעגירונג

בירמינגהאם, ענגלאנד, אפר. 12. — די קאנפערענץ פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, דעם לינקן פליגל פון ארבעטער פארטיי, אפגעהאלטן דא, האט מיט אן איבערוועלטיקער מערהייט באשלאסן צו באקעמפן אין פארלאמענט די פאליטיק פון דער מאקדאנאלד רעגירונג. זי האט גוטגעהייסן די אפאזיציאנעלע שטעלונג פון רשיימס מעקסטאן צו דער רעגירונג און האט אים ווידערדערוויילט פרעזידענט פון דער פארטיי "ביי אקלאמיישאן".

די קאנפערענץ האט באפולמעכטיקט די רעקאנסטרוקציע פון דער פארלאמענטארישער גרופע פון אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, אויפפאדערנדיק זי, אז זי זאל שטריינג נאכפאלגן די באשלוסן פון די פארטיי־קאנפערענצן און די אויסטייטשונג פון די באשלוסן פונ׳ם נאציאנאלן אדמיניסטראטיוון ראט.

אין דער דעבאטע איבער דער פראגע איז מאקדאנאלדס רעגירונג שארף קריטיקירט געווארן. איינער פון די רעדנער, וו. דזש. בראון, האט פאראויסגעזאגט, אז די ארבעטער פארטיי, אנגעפירט פון מאקדאנאלדן, וועט זיך סוף־כל־סוף פאראייניקן מיט די ליבעראלן, ווייל ס׳איז צווישן זיי שוין איצט ניטא קיין גרויסער אונטערשייד. דאס וועט מיינען, אז די אינדעפענדענט לייבאר פארטיי וועט בלייבן די איינציקע קעמפערן פאר׳ן סאציאליזם.

מיס בראונינג, א דעלעגאטן פון לאנדאן, האט אנגעוויזן, אז פון די 38 דעפוטאטן אויסגעקליבן מיט דער פינאנציעלער שטיצע פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, האבן אין פארלאמענט בלויז 8 געשטימט קעגן די ארמיי קרעדיטן, אין אנקלאנג מיט דער פארטייס באשלוס.

נאך דער קאנפערענץ, וואס קאן אפשר צעשפאלטן די ארבעטער פארטיי, האט רזשיימס מעקסטאן דערקלערט אין נאמען פונ׳ם נאציאנאלן ראט פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, אז די פארטיי וויל מיט׳ן גאנצן הארצן ווייטער מיטארבעטן מיט דער ארבעטער פארטיי פאר דער ארבעטער באוועגונג און דעם סאציאליזם, אבער זי קאן זיך ניט אפזאגן פון אירע רעכט און פארפליכטונגען צו די סאציאליסטישע ווילער.

באגייט רויבעריי צו קאנען גט׳ן זיך, מוז איצט זיצן אין געפענגעניש

סאן פראנציסקא, קאל., אפריל 21. — הערי שילדער, א מאן אין די דרייסיקער יארן, איז ערשט ניט לאנג צוריק געוועזן איינער פון די גליקלאכסטע מענשן אין אמעריקע. ער איז געווען יונג, געזונט און דערצו איז ער געווען א גוטער בעקער און ער האט פארדינט וועכנטלאך גוטע שכירות. אזוי איז אים געגאנגען זיין וועלטל זייער גוט, ביז עס האט אים מיט א קורצער צייט צוריק געטראפן א גרויסער אומגליק — ער האט חתונה געהאט.

שילדער האט אין זיין לעבן דורכגעמאכט פארשיידענע אומאנגענעמלאכקייטען, אבער אזא אומאנגענעמלאכקייט ווי זיין ווייבל איז געווען, האט ער שוין ניט געקאנט פארטראגן. און אזוי ווי ער איז נאך גאר א יונגערמאן און ער האט נאך געוואלט לעבן אויף דער וועלט און וויסן פון א לעבן האט ער באשלאסן צו גט׳ן זיך מיט זיין "בעסערער העלפט."

איז אבער שילדער ניט מער ווי א בעקער, פאר וועמען א גט אין אמעריקע איז א צו גרויסער לוקסוס. אבער עס ווילט זיך פארט לעבן אויף דער וועלט. האט ער געזוכט פארשיידענע מיטלען צו קריגן געלט, ביז ער איז געפאלן אויפ׳ן ריכטיקן פלאן און ער האט איינעם בארויבט אויף אזויפיל געלט, וואס וואלט פונקט געווען גענוג צו באצאלן דעם פרייז פאר זיין גט. איז ער אבער א גרויסער שלים־מזל און די פאליציי האט אים געכאפט, און דאס געריכט האט אים פאראורטיילט צו פון איין יאר ביז לעבנסלענגלאכער טורמע.

"איך האב ניט געהאט קיין אנדער אויסוועג," — האט ער געזאגט אין געריכט. — "אבער איך האב, אז איך וועל אין טורמע באהאנדלט ווערן בעסער, ווי מיין ווייבל האט מיך באהאנדלט אין מיין היים."

"דאס אידישע ווארט"

גרייט זיך צו פייערונג פון

20-יאריקן יובילייו

מר. ה. י. ווילדער, פרעזידענט פון "דאס אידישע ווארט", זאמלט איצט דעם מאטעריאל פאר א גרויסער וויכטיקער ארבעט וואס וועט ארויסגעגעבן ווערן לכבוד דער פייערונג פון דעם 20-יאריקן יובילייו פון "דאס אידישע ווארט —

"דער איד אין מערב קאנאדע"

דאס וועט זיין אן אויספירלאכע, באגרינדעטע און אינטערעסאנטע געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דעם אידישן ישוב אין מערב קאנאדע, זייט די ערשטע אידישע פיאנערן זיינען דא געקומען, ביז היינטיקן טאג.

די דאזיקע געשיכטע וועט געדרוקט ווערן אין א שיינעם בוך און וועט פאנאנדערגעטיילט ווערן פריי צו אונזערע לעזער, אין צוזאמענהאנג מיט דער קירצלאכער פייערונג פון דעם

20טן יובילייו פון "דאס אידישע ווארט"

צווישן דעם רייכן אינהאלט פון דעם יובילייו בוך וועט זיין אויך די באזונדערע געשיכטע פון יעדער שול, סאסייטי, ארגאניזאציע, אנשטאלט, קלוב און א. וו., וואס זיינען ווען געגרינדעט געווארן אין וויניפעג און מערב קאנאדע, און דערפאר לאדן מיר איין אלע אזעלכע ארגאניזאציעס צוצוגרייטן, וואס פריער, א קורצע היסטארישע באשרייבונג פון זייער גרינדונג און פון זייער טעטיקייט.

א וויכטיקן פלאץ וועט פארנעמען אין דעם בוך אלטע פאטאגראפיע בילדער פון מיטגלידער און באאמטע פון אזעלכע ארגאניזאציעס (גרופעס), באזונדערס אזעלכע וואס זיינען געגרינדעט געווארן אין און פאר דעם יאר 1910 — ווען אונזער צייטונג איז געגרינדעט געווארן, און מיר בעטן די וואס האבן אזעלכע בילדער, אונז לאזן וויסן, און מיר וועלן צושיקן נאך זיי, מיט דער פארזיכערונג, אז מיר וועלן די בילדער צוריקשיקן אומגעשעדיקט.

אנב - אורחא

פון מארק

ביים באנקעט לכבוד פרץ הירשביין דא אנומלט האט מען גערעדט וועגן דעם.

איינעקע פון די באגריסער האבן אויסגעדריקט זייער באדויערן, וואס דער גאסט האט דא גערעדט כמעט לויטער פאליטיק, און פון פרץ הירשביינען, האבן זיי גע׳טענה׳ט, ווילן מיר הערן וועגן ליטעראטור, וועגן דראמע, וועגן קולטור פראגען בכלל.

פרץ הירשביין איז ניט געווען צופרידן מיט די דאזיקע באמערקונגען. ער זעט ניט איין, פארוואס ער זאל ניט האבן דאס רעכט צו ריידן וועגן פאליטיק פונקט ווי וועגן ליטעראטור. א אידישער שריפטשטעלער איז ניט מחויב צו זיין א מלמד. ער, וואס האט יארן לאנג געשטודירט דאס לעבן פון מענשן און פעלקער, דאס רעכט צו ריידן וועגן פאליטיק, פאליטיק, ווי דר. שמריהו לעווין, ווי נחום סאקאלאוו.

* * *

ווען דאס וואלט געווען בלויז א פראגע פון רעכט, וואלטן מיר גארנישט ניט געהאט וואס אויסצוזעצן קעגן פרץ הירשביינס טענות.

אוודאי זיינען די תביעות פון דער מאסע צו דעם שריפטשטעלער און דיכטער זייער אפט ניט בארעכטיקט. דער עולם פילט זיך געוויינלאך, ווי ער וואלט געווען דער באלעבאס אויפ׳ן דיכטער, און יענער דארף אים ניט נאר דינען מיט זיין טאלאנט, נאר דארף אויך צוליב אים פארבויגן זיינע פערזענלאכע אינטערעסן, סיי פון א פריוואטן און סיי פון א געזעלשאפטלאכן כאראקטער, — און דאס איז אומגערעכט.

איך גלויב, אז דער דיכטער האט די זעלבע רעכט וואס אלע מענשן. איך מיין, אז ער האט אפילו דאס זעלבע רעכט וואס מיר צו "מאכן א לעבן", אויב ער קאן נאר — סיי פון זיינע ווערק, און סיי פון אנדערע באטעפטיקונגען.

* * *

אבער די פראגע איז דא ניט פון רעכט, נאר פון דעם, וואס דער דיכטער קאן אמבעסטן געבן אונז.

אויף יעדן דיכטער האבן מיר הונדערט פאליטיקער. אונזער לעבן איז פול מיט פאליטיק, און, זאל עס אפילו זיין אזוי, אז מיט פאליטיק זיינען נעקניפט און געבונדן אלע אנדערע פראגעס, האבן מיר דאך אבער פון דעם מין איבערגענוג.

ווער פון אונז ווייס עס ניט? און ווער פון אונז האט עס ניט קיין שטעלונג צו די פארשיידענע פאליטישע פראגעס? ווער פון אונז קאן עס ניט דיסקוטירן, — און מיט היץ, ווי א פערזענלאך פאראינטערעסירטער, — וועגן קאמוניזם, סאציאליזם, ציוניזם, אימפעריאליזם, דער לאגע אין כינע און א. וו.?

און ווער פון אונז ווייס עפעס וועגן די מאדערנע ריכטונגען אין דער ליטעראטור? און ווער פון אונז ווייס עפעס וועגן די פארשיידענע נייע פארזוכן אויפ׳ן געביט פון דראמע?

* * *

מיר קאנען דערפאר דערווארטן, אז דער דיכטער זאל אונז דינען אויף דעם דאזיקן געביט, — וואס איז אייגנטלאך זיין געביט.

מיר קאנען פון אים דערווארטן, אז ער זאל איבערלאזן פאליטיק צו די פראפעסיאנאלע פאליטיקער, — און מיר האבן זיי מער ווי מיר דארפן, זיי האבן שוין אזוי אויך צופיל פארפאליטיקירט אונזער גאנצען לעבן, אזוי אז מיר הויבן שוין אן פון אלץ אין דער וועלט טראכטן אין פאליטישע טערמינען, אפילו וועגן דער ניי־אנטדעקטער פלאנעטע:

פונקט ווי יענע בטלנים וואס פלעגן ביי יעדער פאסירונג פרעגן "צי איז דאס גוט פאר אידן", אזוי געוויינען מיר זיך צו באציען זיך צו יעדער פראגע פון שטאנדפונקט רעכט אדער לינק, בורזשוי אז אדער פראלעטאריש, נאציאנאליסטיש אדער אסימילאטאריש.

פארוואס זשע זאלן מיר ניט וועלן הערען עפעס א פריש ווארט וועגן אן ענין, וואס האט ניט קיין דירעקטע שייכות צו אט די אלע זאכן וואס קריכן שוין אונז פון האלז?

* * *

גרויסע מוזיקער קאנען אויך אינטערעסירן זיך מיט ליטעראטור, אבער ווען איינער וואס האט א גרויסן טאלאנט פאר מוזיק שרייבט נאר דערציילונגען, — זאל זיין נשקשה׳דיקע דערציילונגען, — וועט אונז זיין א שאד צו פארלירן זיין מוזיקאלישן טאלאנט.

אלבערט איינשטיין איז א גוטער ציוניסט. אבער גרוים איז ער געווארן ניט ווי א ציוניסט, נאר ווי א וויסנשאפטסמאן. א ציוניסט איז דר. וויצמאן א גרעסערער, און איינשטיין אנערקענט עס און לאזט זיך דא פירן פון וויצמאנען.

וואלט איינשטיין אויפגעגעבן זיינע וויסנשאפטלאכע פארשונגען, און גענומען זיך אויסשליסלאך פאר׳ן ציוניזם, וואלט דאס אויסגעזעען אין אונזערע אויגן שיר ניט ווי א פארברעכן, כאטש, אביעקטיווער גערעדט, קאן דאך קיינער אים ניט פארבאטן צו פארנעמען זיך מיט ציוניזם, וויפל זיין הארץ גלוסט, אפילו ביז אויפגעבן זיין גרויסן בארוף.

* * *

פרץ הירשביין איז דאס וואס ער איז — ווי א דיכטער.

ליטעראטור, — דאס איז זיין געביט.

וויל ער זיך פארנעמען מיט פאליטיק, איז דאס זיין זאך, און מיר קאנען אים קיין דעות ניט זאגן.

אבער ווי א פאליטיקער איז ער שוין מער ניט פרץ הירשביין.

ער איז דאך פאר אונז איינער פון הונדערטער און הונדערטער אנדערע, פון דער זעלבער אדער פון אן אנדער ריכטונג.

זיכער איז ער אויף דעם געביט ניט קיין אויטאריטעט פאר אונז, — מיר האבן פאליטיקער, וואס דאס איז זייער אויסשליסלאכע פאך, און יענע האבן א סך מער דערפארונג אויף זייער געביט, ווי פרץ הירשביין.